**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/24/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון ׳ווינטער ביים פלאזא׳ פארקומעניש סעזאן**

***רינק עפנט זיך אום דעצעמבער 3׳טן, און ערשטע ׳האנאפארד אומזיסטע סקעיט רענטעל סעטורדעי׳ פונ׳ם סעזאן אום דעצעמבער 4׳טן***

***ניו יארק סטעיט האָלידעי בוים באלייכטונג און פייערווערקס פעסטיוועל פרעזענטירט דורך ׳היימארק בלו שילד׳ פון צפון-מזרח ניו יארק אום דעצעמבער 5.***

***OGS און NYPA צו אויפדעקן נייע ענערגיע-שפארעדיגע באלייכטונג סיסטעם דורך אויפלייכטן דעם עמפייער סטעיט פלאזא אין סעזאנעלע פארבן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דער עמטליכער עפענונג פון דעם ׳ווינטער ביים פלאזא׳ פארקומעניש סעזאן.

אנגעהויבן פרייטאג, דעצעמבער 3׳טן, וועט דער עמפייער "סקעיט" פלאזא אייז רינק וועט זיך עפענען מיטאג צייט, אויב וועט די וועטער ערלויבן. די יערליכע האָלידעי בוים באלייכטונג צערעמאניע פרעזענטירט דורך ׳היימארק בלו שילד׳ פון צפון-מזרח ניו יארק וועט געהאלטן ווערן פון מיטאג צייט ביז 8 אוונט אום זונטאג, דעצעמבער 5׳טן.

"׳ווינטער ביים פלאזא׳ איז א געוואלדיג גוטער וועג זיך צו פרייען מיט׳ן האָלידעי סעזאן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט ׳האנאפארד אומזיסטע סקעיט רענטעל סעטורדעי׳ און ענערגיע-שפּאָרעדיגע באלייכטונג, זענען די פארקומעניש צוגענגליך פאר יעדן איינעם און אויך גינציג פאר׳ן פלאנעט — דעריבער, גייט ארויס און דער קאמיוניטי און האט אביסל ווינטער לוסטיגקייט."

די היי-יעריגע בוים באלייכטונג וועט אויך פיגורירן דאס אויפדעקן פון א נייע ענערגיע-שפארעדיגע באלייכטונג סיסטעם וואס וועט אויפלייכטן די עמפייער סטעיט פלאזא אין סעזאנעלע קאלירן.

**עקטינג OGS קאמישענער דזשענעט מוי האט געזאגט,** "אלס די נייע OGS עקטינג קאמישענערין איז א כבוד פארצוזעצן ווייטער די יערליכע טראדיציע פון טראנספארמירן דעם עמפייער ׳סקעיט׳ פלאזא אויף א דערהייטערנדע ווינטער דעסטינאציע מיט אקטיוויטעטן וואס געבן פאר באזוכער לוסטיגע וועגן צו בלייבן אקטיוו דורכאויס די פראסטיגע וועטער. איך דערמוטיג יעדן איינעם זיך צו פרייען דעם האָלידעי סעזאן דורך קומען צו דעם פלאזא בוים באלייכטונג און פייערווערקס צערעמאניע אום דעצעמבער 5׳טן. איך וויל דאנקען אונזערע ברייטהארציגע ספאנסירער פאר׳ן מאכן ׳ווינטער ביים פלאזא׳ א ווירקליכקייט. איך וויל אויך גראטולירן מיין מאנשאפט ביי OGS און אונזערע צוזאמענארבעטער ביי NYPA פאר אלע זייערע שווערע ארבעט אויף אפדעיט׳ן דעם פלאזא מיט ענערגיע-שפארעדיגע און קאלירטע באלייכטונגען."

OGS, אין שותפות מיט דער ניו יארק סטעיט פּאַווער אויטאָריטעט (NYPA), האלט אינמיטן ערזעצן עקזיסטירנדע באלייכטונג ביי מערערע OGS איינריכטונגען לענגאויס ניו יארק סטעיט מיט LED לעמפלעך. די LED פארבעסערונג פראיעקט ביים עמפייער סטעיט פלאזא רעכנט אריין ערזעצן 95,000 אינערליכע ארמאטורן. דאס רעדט זיך אויך פון ערזעצן איבער 360 אויסערליכע לעמפלעך מיט נייע פארב-ענדערנדע טעכנאלאגיע וואס וועט טראנספארמירן דעם פלאזא׳ס אייגנארטיגע ארכיטעקטור אויף אן אויג-פארכאפנדער אויסשטעלונג און אין דער זעלבער צייט טרעפן צו דער סטעיט׳ס ענערגיע צילן. OGS האט זיך אנגעשלאסן מיט NYPA אין 2019 אנצוהויבן דעם LED באלייכטונג פראיעקט, מיט NYPA פאראנטווארטליך פאר באזארגן פראיעקט פינאנצירונג, אויסשטיליזירונג, און קאנסטרוקציע פארוואלטונג.

ניו יארק סטעיט׳ס ׳איי לאָוו ניו יארק׳ לאָגאָ וועט זיך אנזעהן אין צענטער פון דעם רינק אזוי ווי אין פריערדיגע יארן.

דער פלאזא רינק וועט ווידעראמאל שפילן א הויפט ראלע אין א סעריע פון אומזיסטע פארקומענישן און אקטיוויטעטן פלאנירט פאר דעם סעזאן, וואס וועט זיך אנהויבן מיט די עפענונג טאג ביי דעם פלאזא אייז רינק אום פרייטאג, דעצעמבער 3׳טן, מיט מוזיק צוגעשטעלט פון 6 ביז 8 אוונט דורך DJ T.G.I.F. די ניו יארק סטעיט האָלידעי בוים באלייכטונג, פרעזענטירט דורך ׳היימארק בלו שילד׳ פון צפון-מזרח ניו יארק וועט פארקומען אום זונטאג, דעצעמבער 5׳טן. די ערשטע ׳לערן זיך סקעיטען׳ קליניק פון דעם סעזאן, אויך פרעזענטירט דורך ׳היימארק בלו שילד׳ פון צפון-מזרח ניו יארק, וואט פארקומען אום שבת, דעצעמבער 11׳טן.

דער עמפייער סטעיט פלאזא אייז רינק וועט פיגורירן אומזיסטע סקעיט רענטעלס יעדן שבת פון דעם 2021-22 סעזאן, צוגעשטעלט דורך ׳האנאפארד׳ סופערמארקעטס. די ערשטע ׳האנאפארד אומזיסטע סקעיט רענטעל סעטורדעי׳ וועט פארקומען אום דעצעמבער 4׳טן.

**NYPA אינטערים פרעזידענט און CEO דזשאסטין אי. דריסקאל האט געזאגט,** "NYPA און OGS פירן איין אן אויספירליכע ענערגיע טראנספארמאציע ביי עמפייער סטעיט פלאזא דורך אנטוויקלען באדייטנדע רעמאָוט סאָלאַר פראדוצירן, ענערגיע-שפארעדיגקייט און באפעסטיגונג פראיעקטן פאר די טובה פון דעם קאמפלעקס, און עס פריידט אונז זייער צו פארענדיגן דעם נייעם LED באלייכטונג סיסטעם באצייטנס פאר די יערליכע בוים באלייכטונג און האָלידעי סעזאן. די לעמפלעך האבן די מעגליכקייט פון דינאמיש אויפלייכטן די געביידעס אינערהאלב דעם פלאזא צו זיין איינקלאנג מיט די פארשידענע פייערונגען דורכאויס דעם יאר."

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ וויצע פרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון טוריזם ראס די. לעווי האט געזאגט,** "דער עמפייער סטעיט פלאזא אייז רינק איז איינע פון דעם קאפיטאל ראיאן׳ס געוואלדיג גוטע ווינטער טראדיציעס, און דער ריי פאמיליע-צוגעפאסטע פארקומענישן ביי דעם פלאזא זענען גאר א גוטע וועג זיך צו פרייען מיט׳ן סעזאן, דערמוטיגן איינוואוינער און באזוכער צוגלייך צו געפונען וואס זיי ליבן און קומען זיין א טייל פון די לוסטיגקייט."

**וויצע פרעזידענט פון קאמערציעלע פארקויפונגען ביי ׳היימארק בלו שילד׳ קיעט דאלען האט געזאגט,** "אלס א קאמיוניטי-באזירטע העלט פלאן, זוכט ׳היימארק בלו שילד׳ פון צפון-מזרח ניו יארק צוצושטעלן געלעגנהייטן פאר מיטגלידער און די קאמיוניטי צו בלייבן געזונט און אקטיוו דורכאויס דעם יאר. נישט נאר טוהט דער פארקומעניש און בוים באלייכטונג אנצייכענען דער אנהויב פון נאך א סעזאן פון סקעיטינג, נאר עס לאזט אויך אין גאנג די האָלידעיס דארט וואו פאמיליעס, פריינט, און די גאנצע קאמיוניטי קענען זיך צונויפקומען זיכערערהייט פאר א לוסטיגע און סעזאנעלע אקטיוויטעט."

**׳האנאפארד׳ סופערמארקעטס דירעקטאר פון אפעראציעס ענדי ווילעט האט געזאגט,** "מיר ביי ׳האנאפארד׳ זענען באגייסטערט אריינצובאגלייטן נאך א ווינטער סעזאן ביים עמפייער סטעיט פלאזא אין צוזאמענארבעט מיט דעם ניו יארק סטעיט אפיס פאר גענעראלע סערוויסעס. פאר באלד א צענדליג יאר האבן מיר אנגעבאטן אונזער אומזיסטע סקעיט-רענטעל פראגראם און געזעהן איר פאפולעריטעט האלט אין איין וואקסן. היי-יאר וועלן מיר ווידעראמאל אנבאטן אומזיסטע סקעיטס אום שבתים צו אקאמאדירן פאמיליעס און יחידים וואס ווילן זיך ארויסלאזן אויף די אייז. אונזערע אומזיסטע סקעיט רענטעל לאזט זיך אין גאנג שבת, דעצעמבער 4׳טן, און מיר לאדענען איין אלע גליטשער ארויסצוקומען און געניסן פון דער באליבטער טראדיציע אויף א הערליכע און היסטארישע אייז רינק מיט א בליק איבער׳ן סטעיט קאפיטאל."

<u>סקעדזשול פון פארקומענישן:</u>

- ***עמפייער סטעיט פלאזא אייז רינק עפענונג טאג,*** פרייטאג, דעצעמבער 3׳טן, מיטאג צייט ביז 8 אוונט, מיט DJ TGIF וועלכער וועט פארשטעלן פון 6 ביז 8 אוונט.

- ***די ערשטע ׳האנאפארד אומזיסטע סקעיט רענטעל סעטורדעי׳ פון דעם סעזאן,*** דעצעמבער 4׳טן.

- ***ניו יארק סטעיט האָלידעי בוים באלייכטונג, פרעזענטירט דורך ׳היימארק בלו שיעלד׳ פון צפון-מזרח ניו יארק,*** זונטאג, דעצעמבער 5׳טן, מיטאג צייט ביז 8 ביינאכט. פייערט דעם סעזאן מיט אינדרויסנדיגע אקטיוויטעטן וואס די פאמיליע וועט זיכער ליב האבן, אריינגערעכנט א ראָק-ענד-סקעיט מיט ׳סקיטער קריק׳, סקעיטינג דעמאנסטראציע דורך די הודסאן מאָוהאָוק פיגור סקעיטינג קלוב, פארשטעלונגען דורך טובא קריסטמעס, און בילד-כאפן געלעגנהייטן מיט סאנטא ביי קארנערסטאון ביי דעם פלאזא. סטוערט׳ס שאָפּ וועט אנבאטן סעמפלס פון עגנאָג און האָלידעי-באַ׳טעם׳טע קאווע ווילאנג סופלייס ווען אנהאלטן. רעפרעשמענטס וועלן אויך זיין צו באקומען פאר איינקויפן ביי בי-רעד׳ס עקספרעס און קארנערסטאון ביים פלאזא. די עמטליכע באלייכטונג און פייערווערקס צערעמאניע, אויפגענומען דורך די ׳ניוז 10 עי-בי-סי מארנינג טיעם׳, וועט זיך אנהויבן 5:15 נאכמיטאג.

- ***די גרויסע באן עקסטראוואגאנזא,*** זונטאג, דעצעמבער 5׳טן, 10 צופרי ביז 4 נאכמיטאג, עמפייער סטעיט פלאזא קאנווענשען צענטער. ניו יארק׳ס גרעסטע מוסטער רעילראָוד און שפיל-באן האָבי שאוי פיגורירנדיג צענדליגע פארקויפער וואס טוהען אנבאטן נייע און געניצטע באנען אויף צו פארקויפן, מיט טיילן, קליידונג, אנדענק חפצים, פאטאגראפן, און טשאטשקעס. דער טיקעט׳עט פארקומעניש וועט אויך אריינעמען רעילראָוד היסטאריע און ארטיפאקטן און א ראָומינג רעילראָוד אויף וועלכע מען קען פארן אויף דער עמפייער סטעיט פלאזא קאָנקורס. טיקעטס זענען 7 דאלער פאר ערוואקסענע און אומזיסט פאר קינדער אונטער 12.

- ***ערשטע ׳לערן זיך סקעיטען׳ קליניק פון דעם סעזאן פרעזענטירט דורך ׳היימארק בלו שיעלד׳ פון צפון-מזרח ניו יארק*** און אויפגענומען דורך הודסאן מאָוהאָוק פיגור סקעיטינג קלוב. שבת, דעצעמבער 11׳טן, 10 צופרי ביז מיטאג צייט. נאך קליניקס וועלן ווערן אנגעבאטן אום יאנואר 8, יאנואר 5, און מערץ 5. אָנליין פרי-רעגיסטראציע איז געפאדערט ביי

empirestateplaza.ny.gov. ביטע געדענקט זיך אנצוטוהן די יונגע סקעיטערס אין ווארעמע קליידונג, היטלעך, הענטשעך, און שטרימפ.

איין רינק אינפארמאציע:

- **שעה׳ן:** מיטאג צייט ביז 8 אוונט דינסטאג ביז זונטאג, אויב וועטער ערלויבט. פארמאכט 3:30 ביז 4:30 נאכמיטאג אין וואכנטעג ווי אויך 2 ביז 3 נאכמיטאג און 5 ביז 6 נאכמיטאג אויף וויקענדס פאר מעינטענענס. דער רינק וועט זיין אפן אויף דריי מאנטאגס: דעצעמבער 27׳סטן, יאנואר 17׳סטן און פעברואר 21׳סטן.

- **קאסטן צו סקעיט׳ען:** בחינם

- **סקעיט רענטעלס:** 4 דאלער פאר ערוואקסענע, 3 דאלער פאר קינדער ביז 12 יאר. א בילד ID איז פארלאנגט אויף צו דינגען סקעיטס. יעדע שבת איז ׳האנאפארד אומזיסטע סקעיט רענטעל סעטורדעי׳.

- **באקוועמליכקייטן:** לאָקערס, סקעיט רענטעלס, און רעפרעשמענטס זענען צו באקומען אין די גלעזערנע פאוויליאן הארט נעבן דעם רינק. קינדער׳ס העלמעטס און אייז וואָקערס / טרענירער פאר אנהויבער סקעיטערס זענען אויך צו באקומען אן קיין קאסטן.

פאר רינק סטאטוס אַפּדעיטס און נאך אינפארמאציע אויף ׳ווינטער ביים פלאזא׳ פארקומענישן און אקטיוויטעטן, באזוכט empirestateplaza.ny.gov, @EmpireStatePlaza אויף פעיסבוק, און @PlazaEvents אויף טוויטער, אדער רופט 518-474-4759.
פאר פארקומעניש אינפארמאציע, אריינגערעכנט פּארקינג, אנווייזונגען און פאראדנונגען ביים פלאץ, באזוכט empirestateplaza.ny.gov.

ספאנסירער פון ׳ווינטער ביים פלאזא׳ פארקומענישן רעכענען אריין ׳היימארק בלו שילד׳ פון צפון-מזרח ניו יארק, ׳האנאפארד׳ סופערמארקעטס, MVP העלטקעיר, ׳איי לאָוו ניו יארק׳, הודסאן מאָוהאָוק פיגור סקעיטינג קלוב, CDTA, SEFCU, סטוערט׳ס שאָפּס, טיימס יוניאָן, PYX 106, 99.5 דע ריווער, TRY 98.3, און ניוז 10 עי-בי-סי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן